בס"ד

ויחי תשפ"ה
גליון 221

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייינער קוואל

## אַלע אידן זענען איינס

אין די וואכעדיגע סדרה פּרשת ויחי איז דאָ באַהאַלטן געוואלדיגע סודות אַזוי ווי רש"י הקדוש ברענגט אויפן פּלאַץ. למה פּרשה זו סתומה? (סתומה מיינט, אַז געווענליך אין די תורה איז דאָ רוח צווישן איין פּרשה און די צווייטע, אָבער צווישן פּרשת ויגש און ויחי איז נישט דאָ קיין ליידיגע פּלאַץ, נאָר ס'הייבט זיך גלייך אָן ויחי) זאָגט רש"י הקדוש אַז יעקב אבינו עליו השלום האָט געוואלט מגלה זיין דעם קץ הגאולה - דעם ענדע ווען משיח וועט קומען - פאַר זיינע קינדער און ס'האָט זיך פאַרהוילן פון אים.

רבי נתן אין הלכות תענית איז מסביר אויפן פּסוק "הקבצו ושמעו בני יעקב ושמעו אל ישראל אביכם" אַז יעקב אבינו האָט געוואלט מגלה זיין דעם קץ און עס איז פאַרהוילן געוואָרן פון אים, ווייל דער עיקר קץ הגאולה איז תלוי אין עצה שלמה וואס וועט נתגלה ווערן דורך דעם מלך המשיח וואס ווערט אָנגערופן "פּלא יועץ". משיח וועט געבן אַזעלכע גוטע עצות וואס וועט זיין גאָר טיפע און שטאַרקע עצות וויאַזוי צו קענען דינען דעם באַשעפער אַז מען וועט דאָס נישט קענען אָפּווענדן, דעריבער ווערט דאָס אָנגערופן "קץ הפּלאות" ווייל אין די צייט פון די גאולה ווערט נתגלה ווערן אָט די וואונדערליכע און טיפע עצות.

יעקב אבינו האָט שוין אויך געוואלט מגלה זיין די עצות פאַר זיינע קינדער כדי צו מקרב זיין די גאולה, אָבער די שכינה האָט זיך אָפּגעטון פון אים, ווייל עס איז נאָך געווען פאַר'ן באַקומען די הייליגע תורה וואס פון די תורה ווערט נמשך די אַלע שטאַרקע עצות. פאַרדעם האָט יעקב געזאָגט "הקבצו" ער האָט מגלה געווען פאַר זיינע קינדער אַז היינט איז די הויפּט עצה "הקבצו" מען זאָל זיין בשלום און עס זאָל אחדות און ליבשאַפט צווישן אידישע קינדער, מען זאָל זיך צאַמנעמען צו רעדן איינער מיטן צווייטן פונעם אמת'ן תכלית און דורך דעם וועט מען זוכה זיין צו אַלע עצות. מען זעט טאַקע אַז ווען יעקב אבינו האָט צאַמגענומען די צוועלעף שטיינער איז עס געוואָרן איין שטיין וואס דאָס איז דער אבן-שתיה וואס פון דאָרט קומט אַלע עצות, אַזוי אויך האָט מען געקענט טרעפן אַלע עצות ביי די שטיינער פונעם חשן פון די צוועלעף שבטים וואס דער כהן גדול האָט געטראָגן, זעט מען אויך אַז ווען אַלע שבטים - אַלע אידן זענען איינס דעמאָלטס איז דאָ אַ קלאָרקייט און אַ שלמות העצה.

## פרעג מיין קינד



כדי צובאַקומען די ריכטיגע עצות פון די הייליגע תורה דאַרף זיין אחדות צווישן אידן, אַזוי ווי עס שטייט אין

אויף זייט 2

המשך אויף זייט 3



# פְּרֶעג מַיין קִינְד

## קִינְדֶער פְּרֶעגְן, מְלַמְּדִים עֶנְטְפֶערְן

**שְׁאֵלָה:** אִין דִי טֶעג וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס תַּלְמִיד, ר' נָתָן הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה: עֶס אִיז דָאךְ בַּאוואוּסְט אַז ר' נָתָן הָאט אָנְגֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל פַאר עֶר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, אַז דֶער עִיקָר זַאךְ זָאל זַיין דְרוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, סְ'זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶל מְקַיֵּים זַיין אַזַא צַוָואָה?

**תְּשׁוּבָה:** דִי עֶנְטְפֶער לִיגְט שׁוֹין אִין ר' נָתָן'ס צַוָואָה!! אָבֶער פַאר אַלֶעם, אַשְׁרֶיךָ פַאר נֶעמֶען דִי מִי צוּ פְרֶעגְן דַיין שְׁאֵלָה אוּן וואוֹיל אִיז דִיר אַז אַזַא פְרַאגֶע דְרֵייט זִיךְ בַּיי דִיר אִין מֹחַ!!

לָאמִיר צֶעטֵיילְן דִי צַוָואָה אִין דְרַיי חֲלָקִים. ר' נָתָן אִין זַיין צַוָואָה הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט: "אַז טְרֵייף פָּסוּל [דָאס מֵיינְט סְפָרִים פוּן מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וָואס בְּרֶענְגֶען צוּ לֶעבְן מִיט פְּרִיקַת עוֹל אוּן הֶפְקֵרוּת] אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן סִפְרֵי רַבֵּינוּ וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְדִינְג. נוּ, זָאג אִיךְ הַיינְט אַז אֵייעֶר עוּבְדָא [גֶעטוּעֶכְטְס] זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט אוּן מִיט רָצוֹן אוּן מִיט טִירְחָא."

פוּן ר' נָתָנְ'ס צַוָואָה דְרִינְגֶען מִיר אַרוֹיס:

א. מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט פַאר הֲפָצָה.

בְּ. הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן.

ג. זִיך מַטְרִיחַ זַיין פַארְן רֶבִּי'נְס זַאךְ.

מִיר וֶועלְן בְּעֵזֶר הַשֵּׁם צֶענֶעמֶען יֶעדֶע פְּרָט:

א) "מִיט גֶעלְט". אוֹיבּ הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען חֲנוּכָּה גֶעלְט א.ד.ג קֶענְסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר צֶענְט, שֶׁקֶל אָדֶער פוּנְט אוּן גֶעבְן פַאר צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סִפְרֵי רַבֵּינוּ, יָא, אֲפִילוּ מִיט אֵיין פְּרוּטָה הָאסְטוּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען עֶפֶּעס פוּן ר' נָתָנְ'ס צַוָואָה.

ב) דָאס וָואס ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט זַיין שְׁטַארְק "מִיט רָצוֹן" דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט מְקַיֵּים זַיין, אַלְט, יוּנְג, גֶעזוּנְט אָדֶער קְרַאנְק חַס וְשָׁלוֹם. ר' נָתָן (ערב ג') בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ זֹהַר אַז דִי מַעְלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט אַ רָצוֹן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן נָאנְט וֶוערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער!

אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייבְּט עֶר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַז דֶער רָצוֹן פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען, קוּמְט אוֹיס אַז אֲפִילוּ אַ אִינְגְל קֶען הָאבְּן רְצוֹנוֹת אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶעם רֶבִּי’נְס לִיכְטִיגֶע סְפָרִים זָאלְן זִיךְ צֶעשְׁפְּרַייטְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

ג) ”מִיט טִרְחָה”, מִיט אַבִּיסְל מַחֲשָׁבָה קֶען יֶעדֶער אִיד זִיךְ אַבִּיסְל מַטְרִיחַ זַיין צוּ מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אִידְן מִיט דֶעם רֶבִּי’נְס זִיסְקֵייט.

הַיינְט וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בַּאשָׁאנְקֶן מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת, קֶען מֶען פְרֶעגְן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער גַּבָּאִים אִין שׁוּל, צוּ גֶעבְּן פַאר אַ חָבֶר אָדֶער אַ בַּאקַאנְטֶער, שָׁכֵן, קָרוֹב אַ שֵׁיינֶעם גִּלְיוֹן, אָדֶער רֶעדְן צוּ זַיי עֶפֶּעס אַ דִּבּוּר אֱמֶת פוּן רֶבִּי’ן וָואס רֶעדְט פוּן תַּכְלִית אוּן קֶען לִיכְטִיג מַאכְן יֶענֶעמְס הַארְץ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין ר’ נָתָנְ’ס וֶועגְן, זַיין דָּבוּק אוּן גְלֵייבְּן אִין דִי צַדִּיקִים אַלֶע אוּנְזֶערֶע לֶעבְּנְס טֶעג.

**צו אריינשיקן א שאלה, רוף דעם טעלעפאן ליין און פרעג דיין שאלה אויף קנעפל 5**

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה צ"א) אַז אוֹיבּ אַ אִיד וִויל זַיין אַ מַתְמִיד אוּן קֶענֶען לֶערְנֶען, זָאל עֶר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִידִישׁ קִינְד, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אַן אוֹת אִין דִי תּוֹרָה, דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז ”יִשְׂרָאֵל” אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת ”יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לְתוֹרָה”. אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ חִסָּרוֹן אִין אַ אִיד אִיז דָא אַ חִסָּרוֹן אִין דִי תּוֹרָה אוּן קֶען מֶען נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן נִישְׁט אִין אִים טְרֶעפְן אַ חִסָּרוֹן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי תּוֹרָה אִיז גַאנְץ אָן אַ פֶּעלֶער וֶועט מֶען דַאן זִיכֶער לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן אִיר לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

זֶעט מֶען אוֹיךְ פוּן דֶעם שִׂיחָה אַז דוּרְךְ אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל וֶועט מֶען זַיין גֶעבִּינְדְן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען טְרֶעפְן אַלֶע עֵצוֹת פַאר אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶס וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עֵצָה פוּן ”הִקָּבְצוּ”.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לֶעכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען שׁוֹין מוּזְן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג דָאס צוּ זֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן. אָמֵן

# צְוֵויי עֶפֶּעלֶעך

ר׳ אַיְיזִיק פוּן אוּמַאן אִיז נִתְקָרֵב גְעוָוארְן אִין יָאר תרי״א, זֶעקְס יָאר נָאכְדֶעם וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גְעוָוארְן, עֶר הָאט נָאךְ גְעהֶערְט פוּן דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן בְּחַיָּיו.

וֶוען ר׳ אַיְיזִיק אִיז נִתְקָרֵב גְעוָוארְן, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים שְׁוֶוערִיקַייטְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת. אֵיינְמָאל זַייעֶנְדִיג בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוֹן, הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעוַויינְט, אַז וַוייבַּאלְד עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶר קֶען שְׁטֵיין אִין אַזַא דַּרְגָה, צוּ לֵיידְן אָרֶעמְקַייט ל״ע בֶּעט עֶר מֶען זָאל אִים פוּן אוֹיבְן שִׁיקְן שֶׁפַע פוּן רַייכְקַייט, עֶר זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גְעוֶוען, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַךְ צַייט אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר רַייךְ גְעוָוארְן, עֶר אִיז טַאקֶע גְעוֶוען אַ חִידוּשׁ אִין טֵיילְן צְדָקוֹת אוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַ בְּרַייטֶע הַארְץ. סְפֶּעצִיעֶל פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְט עֶר הֶעלְפְן מִיט הַכְנָסַת כַּלָּה אוּן נָאךְ, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט גֶעבְּן מַעֲשֵׂר, נָאר עֶר הָאט אַנְשְׁטָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר זִיךְ מַעֲשֵׂר אוּן פַאר אַנְדֶערֶע גֶעגֶעבְּן דָאס פַארְבְּלִיבֶּענֶע!

אִין יָאר תרס״ג וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז אִיז ר׳ אַיְיזִיק גְעוֶוען דֶער וָואס הָאט עֶס גֶעבּוֹיט אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן. עֶר הָאט פַארְמָאגְט אַ מִיל צוּ מָאלְן מֶעל, דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאט עֶר זִיכֶער גְעמַאכְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זָאל הָאבְּן גֶענוּג מֶעל אוּן נָאךְ וִויכְטִיגֶע גֶעבְּרוּכְן. וואוּ עֶס אִיז גְעוֶוען עֶפֶּעס אַן עִנְיָן צוּ הֶעלְפְן אַן אָרִימַאן אִיז ר׳ אַיְיזִיק גְעוֶוען פַארְמִישְׁט דֶערִין.

וֶוען ר׳ אַיְיזִיק אִיז שׁוֹין גְעוֶוען נָאנְט צוּ דִי הוּנְדֶערְט יָאר, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר



שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט דֶערְמִיט טוּן אַסַאךְ צְדָקָה, נָאר זַיין בְּנֵי בֵּית הָאט זֵייעֶר גֶעהִיטְן אוֹיפְן פַארְמֶעגְן, עֶר הָאט שׁוֹין אִין דֶער עֶלְטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל אוֹיסְטֵיילְן אַזוֹי וִוי אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן. אָבֶּער דִי בּוּשָׁה אִיז אוֹיךְ אַוֶועק פוּן אִים וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אִים לַיידֶער אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען. וָואס אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן? נָאר דִי צְדָקָה וָואס עֶר הָאט פַארְטֵיילְט.

אִין זַיינֶע עֶלְטֶערְן יָארְן וֶוען עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן זֵיי אַז עֶר וִויל עֶסְן אַן עֶפְּל וַוייל זַיין הַארְץ אִיז אִים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען ווִינְטֶער וֶוען אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין פְרִישֶׁע עֶפְּל, אָבֶּער ר׳ מֹשֶׁה גְלִידְמַאן עָלָיו הַשָּׁלוֹם [שְׁוָואגֶער פוּן ר׳ לֵוִי יִצְחָק] אִיז יָא אַרוֹיס זוּכְן... עֶר גֵייט אוֹיפְן גַאס, עֶטְלִיכֶע הַייזֶער אַוֶועק פוּן ר׳ אַיְיזִיקְ'ס שְׁטוּב, קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ״דוּ זוּכְסְט דָאךְ עֶפֶּעלֶעך, דָא הָאסְטוּ צְוֵויי עֶפֶּעלֶעךְ!״ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן.

ר׳ מֹשֶׁה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גְעוואוּנְדֶערְט וֶוער אִיז דֶער אִיד?! פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט עֶר אַז אִיךְ זוּךְ עֶפֶּעלֶעךְ? דָאס מוּז זַיין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא! זֶעט אוֹיס ווִיבַּאלְד ר׳ אַיְיזִיק הָאט אַלֶע זַיינֶע יָארְן גֶעהַאט אַזוֹיפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר אָרִימֶעלַייט, הָאט מֶען אִים פוּן הִימְל צוּגֶעפִירְט אַזַא גַאסְט וָואס זָאל אִים בַּארוּאִיגְן דָאס הַארְץ מִיט דִי עֶפֶּעלֶעךְ!

רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה.

# מאכמוד אין מארק

אמאל איז געווען אן אראבער [מיר וועלן אים רופן מאכמוד], ער איז געווען איינגעזינקען אין א טיפן שלאף און אזוי חלומ'ט ער זיך אז ער פארמאגט גאר א שיינעם פערד וואס עס שטייט צום פארקויפן. ער גייט צום מארק פון די פערדען גרייט צום פארקויפן און טרעפט אן דארטן איינער וואס איז גרייט צו אפקויפן דאס פערד פאר א גוטן פרייז אבער מאכמוד זאגט: "ניין, איך וויל מער געלט!"

דער צווייטער אראבער זאגט: "יאאלאא, נא דיר נאך א פאר דאללאר..."

אבער מאכמוד וויל נאך מער געלט. אזוי טענה'ן זיי זיך אויפן פרייז. אינמיטן גיבט מאכמוד א געשריי אויפן צווייטן אראבער: "דו ווילסט נישט גיבן אזא פרייז, איז גיי דיר וואו דיין אויגן טראגן דיר, איך קען עס פארקויפן פאר א צווייטן!"

דער צווייטער אראבער איז אויך נישט קייןביישן, ער הייבט זיין שטומע אז די גאנצע מארק טרייסלט...

אזוי לויפן זיי זיך נאך איינער דעם צווייטן ווען עס פליען טישן אין מארק ווען מוכאמאד ווערט אזוי בייז פונעם מצב אז פון גרויס כעס האט ער זיך אויפגעוועקט פונעם חלום!!!!

ער איז געווארן ביי זיך אזוי אפגעפאטש, ער האט געמיינט זיכער אז ער גייט פארדינען א מאיאנטעק פון זיין פערד אין טרוים אבער פארט איז עס געווען נאר א חלום! נישט קיין פערד, נישט קיין פארקויפן, נישט קויפן נישט קיין גרייצער!

וואס האט מוכאמאד געטון? ער האט צוריק פארמאכט די אויגן!! ער פרובירט ווייטער חלומ'ען!!

דאס איז א קאפ פון אן אראבער, ער זעט אז ס'איז נאר א חלום, נא, לאמיר אויסדרייען די באקן אויפן צווייטן זייט פון די קושן און כאפן נאך א חלום.

האט ר' חיים בנימין ממשיך געווען, אז ווען מיר לערנען די ספרים פון די צדיקים, דעם הייליגן רבי'נס



ספר, ליקוטי הלכות, מען הייבט אן צו זען ווי געשמאק ס'איז צו טון מצות און מעשים טובים, די תורה איז אזא טייערע, לעכטיגע זאך, יעדע מצוה שטייג איבער די גאנצע וועלט מיט אלע אירע רייצונגען, די אלע מענטשן וועלכע היטן נישט די תורה דרייען זיך ארום ווי אין א שלאף, זיי חלומ'ן א חלום!

איז אבער דא א נארמאלער מענטש וואס זעט אזעלכע שיינע ספרים, רופט ער אויס: "איך וויל מער נישט חלומ'ן, איך וויל לעבן א פרייליכן, זיסן לעבן, זיך מחיה זיין אז איך בין א איד, איך לערן תורה, איך טו מצות א.ד.ג. דער יצר הרע אבער טראגט אויף זיך אן אראבישן קאפ, ער רעדט איין דעם מענטש וואס האט זיך קוים אויפגעכאפט פון שלאף און רעדט אים איין: "געב א קוק, קענסט מאכן אפאר דאללאר, דריי זיך ארום פארדאגה'ט".

דאס איז אן אראבישער קאפ, צו דאגה'ן און ווייטאגן אין לעבן אין א וויסטן חלום פון דמיונות, אפשר וועלן איך קענען חלום'ן נאך עפעס א חלום פון א גליק וואס איז נישט געשטויגן און געפלויגן.

מיר לערנען זיך אז טראכטן נאר פון די וועלט פאסט פאר אן אראבישן קאפ מיט זיינע חלומות. א איד דארף זיך אויפוועקן פון שלאף און וויסן אז זיין א איד איז א פרייליכע זאך, טון מצות איז דאס בעסטע וואס איז נאר דא אויף דער וועלט, אזוי וועלן מיר ריכטיג אויסנוצן אונזערע טעג.

(אט די משל האט ר' חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל דערציילט ביי איינע פון זיינע שיעורים.)



# די ליכטיגע ספרים

## באהאלטן אין בוידעם

(דערציילט דורך ר' חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל מיט פלאם פייערדיגע רייד פורים תשס"ז.)

דער חסיד ר' נחמן טולטשינער ז"ל איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין רבי'ן ר' נתן. פון אים האט ער געשעפט זיין גאנצן חיות און ברען אין עבודת השם. ער האט זיך אינגאנצן מבטל געווען צו יעדע זאך וואס רבי נתן האט געזאגט, יעדער באפעל אדער יעדער עצה.

געווען איז עס ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן, האט ער אנגעהויבן שפירן אז עפעס פעלט אים. ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן. וואו נאך וועט ער קענען באקומען אזעלכע הייליגע און דערהויבענע רייד, אין גרויסקייט פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע וועגן און עצות? וויאזוי וועט מען קענען אנפילן דעם ליכטיגקייט און אנטרינקען די ביימער וואס וועלן וואקסן אין דעם הייליגן וועג?

זיין הארץ האט געברענט ווי א פלאם פייער, ער האט געוואלט אלעס טון אין דער וועלט צו מפיץ זיין דעם אור פון רבי'ן, אנגיסן פעסער פון האפענונג און חיזוק אין די הערצער פון שוואכע אידן וואס זייערע נשמות זענען ליידער נאכגעלאזט, או פארגעסן צו אנערקענען אין זייער גרויסקייט און הייליגקייט זיך צו פרייען אז דער אויבערשטער גרויסט זיך מיט יעדער תנועה קלה וואס זיי מאכן.

איינמאל האט זיך רבי נפתלי, א חבר פון רבי נתן זיך צעשמועסט מיט ר' נחמן טולטשינער. "הער מיר אויס ר' נחמן וואס איך זאג דיר. אין שטעטל טראוויץ זענען דא אפאר סוחרים וואס באשעפטיגן זיך אין האנדל וואנדל, באזעסענע מענטשן און עס האט זיך אנגעהויבן צו קאכן ביי זיי דעם רבי'נ'ס זאך. זיי וועלן זיך זייער שטארק פרייען צו הערן דיבורים פונעם תכלית, און התקרבות צום אויבערשטן וואס רינט ארויס פון די הייליגע תורות פון רבי'ן און רבי נתן.

נישט טראכטנדיג קיין צוויי, האט ר' נחמן שנעל אפגעלאזט אלעס און זיך ארויפגעזעצט אויפן פערד און וואגן און ארויס אין וועג, מיט האפענונג אז ער זאל זוכה זיין צו קענען רעדן און אריינדרינגען אין די הערצער און אויפשיינען די רייד פונען הייליגן רבי'ן און זיין גרויסער תלמיד.

פאר שבת איז ר' נחמן אנגעקומען צום שטאט טראוויץ. א גרויס איבעראשונג און פרייד האט ארומגענומען די סוחרים: אט אט איז אנגעקומען דער גרויסער תלמיד פון רבי נתן וואס וועט אריינבלאזן אין אונז פון די הייליגע רייד וואס ער האט זיך געווייקט און געטרינקען

מיט דארשט במשך די לאנגע יארן וואס ער האט גענומען שימוש פון דער הייליגער רבי נתן.
דורכאויס דעם שבת, האט זיך דער מויל פון ר' נחמן געעפנט, און פון דעם זענען ארויסגערינען קוועלער פון די הייליגע דיבורים, דיבורי התחזקות, דאס גרויסקייט פון יעדן איד, און דאס גרויסקייט פון זיך ארומנעמען מיט יעדעס ווארט פונעם דאווענען. און די פארגעניגן ווען מען גיסט זיך אויס דאס הארץ ביי התבודדות, ווען מען רעדט זיך אויס צום אויבערשטן אזויווי מען רעדט צו א נאנטן חבר.
נאך שבת, האבן די סוחרים פון טראוויץ אינגאנצן פארגעסן אז זיי זענען בכלל סוחרים און זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט אפלאזן ר' נחמן. זיי האבן זיך צוגעקלעבט צו אים און אים צוגעהאלטן ער זאל נישט אוועקגיין. אזעלכע הויכע ליכט, אזעלכע דערהויבענע ליכט, אזא פלאם פייער.
ווער איז ער געווען ר' נחמן? דער תלמיד מובהק פון רבי נתן! און ווען ער האט גדאווענט פארן עמוד, ווער האט דען גדאווענט? דער גאנצער ליקוטי הלכות האט דאן גדאווענט!
דאס גאנצע ליקוטי הלכות איז ארויס פון זיין מויל! ווען ר' נחמן טולטשינער האט גדאווענט, האט דעם גאנצן זיסקייט פונעם ליקוטי הלכות גדאווענט. דעם גאנצן געשמאק פונעם רבי'ן האט דעמאלט גדאווענט. אלעס איז געלעגן אין זיינע רמ"ח איברים און ביינער. דער מתיקות פון רבי נתן האט גדאווענט.
און ווען ר' נחמן האט זיך פארוויילט אין טראוויץ, און פארברענגט מיט די לייט זענען די רייד פון רבי נתן ארויס פון זיין מויל און האט צולאזט יעדנ'ס הארץ.
ווי עפעס אן עלטערער איד האט פארציילט, ווען ער איז געווען א קליין קינד, האט ער זיך געדרייעט אינעם בית מדרש, און האט געזען ר' נחמן וואס איז דעמאלט געווען א שמש אינעם בית מדרש, האט ר' נחמן געזאגט פאר דאס קינד מיט אזא מין ניגון פון איכה: "טוב לגבר כי ישא עול מנעוריו" – עס איז גוט פאר א מענטש ער זאל טראגן אן עול פון קליינווייז אן".



פון גרויס זיסקייט און ברען וואס ר' נחמן האט אים דאס געזאגט, זענען די ווערטער אריין אין זיינע ביינער, און פאר לאנגע יארן האט ער עס נישט פארגעסן, עס איז געלעגן פארנט פון זיינע אויגן, און עס איז געווען ביי אים כאילו ער האט עס נארוואס יעצט געהערט!
אזוי איז ר' נחמן טולטשינער געווען, יעדעס פסוק וואס ער האט געזאגט איז געווען דורכגעווייקט מיט ליקוטי הלכות.
אזוי איז שנעל אריבער צוויי וואכן, פון גרויס דביקות צו ר' נחמן טולטשינער.
"פון וואו שעפט איר אט די הייליגע דיבורי קודש?" האבן אים די טראוויצער לייט געפרעגט. "וויאזוי איז מען זוכה צו אזא הארץ, אזא ביטול, אזוי צו ברענען צום די הייליגע רייד אפילו נאך וואס רבי נתן איז שוין נסתלק געווארן?"
"אוי, ס'איז נישט פשוט," האט זיי ר' נחמן געענטפערט. "אכט בענדער ליקוטי הלכות זענען געשריבן געווארן בכתב יד, וואס ליגן אויפן בוידעם, און עס איז נישט דא קיינער וואס וויל אויסגעבן פון זיין געלט כדי צו עס דרוקן. דער ליקוטי הלכות

ליגט אין א פאקטישן געפאר, מען מוז עס ראטעווען, מען מוז דאס איבערלאזן אויף פאר די קומענדיגע דורות און עס פארשפרייטן איבער דער וועלט.”

ווען די סוחרים האבן דאס געהערט, האבן זיי באשלאסן צו אויסצאלן דאס גאנצע קאסטן כדי מען זאל קענען דרוקן דעם ליקוטי הלכות.

און וואס איז דער הייליגער ליקוטי הלכות? (ר' חיים בנימין לאזט טרערן, און וויינט זיך אויס פון טיפעניש פון הארץ)



**וואס איז דער ליקוטי הלכות?**

”דער שולחן ערוך פון קיום התורה! דער ליקוטי הלכות לערנט אונז אויס וויאזוי צו לעבן! וויאזוי נישט אלט צו זיין! וויאזוי צו זיין געזונט! וויאזוי מען פירט זיך אויף ווען מען איז שוין קראנק!

וויאזוי ברויך מען צו לערנען און דאוונען, וויאזוי צו האנדלען. וויאזוי נישט צו זינדיגן, וויאזוי נישט צו טראכטן מחשבות וואס מען טאר נישט.

דער ליקוטי הלכות לערנט אונז וויאזוי צו ווערן זיין אן ערליכער איד. וויאזוי צו זיין א ירא שמים. וויאזוי אויך דער וואס איז שוין געפאלן קען זיך אויפשטעלן און ארויסגיין פון די בלאטע. דער ליקוטי הלכות לערנט אונז וויאזוי צו לעבן און אלעס טון פלינק און פרייליך.

*טייערע קינדער, אך, ווי גליקליך דארפן מיר זיין אז ר' נתן האט אונז איבערגעלאזט אזעלכע טייערע אוצרות. די וואך ביי זיין יארצייט, לאמיר אנצינדען א ליכטל, לאמיר לערנען משניות לעילוי נשמתו און לאמיר זיך מחזק זיין מיט די ליכטיגע ווערטער פון דעם ליקוטי הלכות!*




המשך פון די לעצטע זייט

זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֵייגְן שְׁטַארְקֶע טְרִיט אִיז זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ רֶעדְן אֱמֶתֶ'ע רֵייד, רֶעדְן מִיטְן מוֹיל נָאר אֱמֶתֶ'ע דִיבּוּרִים, רֵייד וָואס פַארְמָאגְן נִישְׁט קַיין שְׁמֶעק פוּן שֶׁקֶר חַס וְשָׁלוֹם.

אוֹיךְ דוּרְכְן גֶעבְן צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט פַאר שַׁבָּתְ'דִיגֶע מַאֲכָלִים, אָדֶער לַאדֶענֶען גֶעסְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ הֶעלְפְּט גֵיין גְרוֹיסֶע אוּן שְׁנֶעלֶע טְרִיט אִין עֲבוֹדַת ה'. מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן שַׁבָּת נָאר אֱמֶתֶ'ע רֵייד, טֵיילְן בְּרֵייט צְדָקָה לְכָבוֹד שַׁבָּת אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין צוּ גֵיין אִין עֲבוֹדַת ה' אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְן הֶעכֶער פוּן דִי וָואכְן טֶעג. (ע"פ ליקו"מ פ"ו)

# רבי חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל

געהערט פון א נאנטער משפחה מיטגלידער

## וויאזוי צו בעטן פאר קינדער

ר' חיים בנימין ז"ל האט געהאט א געוואלדיגע אמונה און תמימות אין יעדע דיבור און דיבור פון רבי'ן, די עצות פון רבי'ן איז געווען די ערשטע און די לעצטע זאך וואס וואס ער האט געגלייבט אז דאס קען העלפן אויף יעדע זאך אין לעבן.

נאך וואס עס איז אריבער עטליכע יאר פון זיין חתונה און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זרע של קיימא, האט ער געוואלט מקיים זיין וואס דער רבי שרייבט אין ספר המידות: "ע"י תפיסה ניצול מכליון בנים" (בנים ח"ב אות כא) דעריבער איז ער געגאנגען צוזאמען מיט זיין קרוב וואס האט אויך געווארט אויף קינדער, צו א הפגנה אויף כבוד השבת וואס איז פארגעקומען אין יענע צייט כדי מען זאל אים דארט כאפן אין תפיסה...

אויך פלעגן זיי אסאך ארויסגיין צום פעלד און האבן דארט געטאנצט מיטן ניגון אויפן פסוק "מה תיתן לי ואנכי הולך ערירי" אזוי ווי אברהם אבינו האט געבעטן אויף קינדער.

## נאך דער רבי

זיין עיקר חיות איז געווען דער הייליגער רבי, אזוי ווי מען פלעגט אים אייביג הערן איבערזאגן נאכאמאל און נאכאמאל "נאך דער רבי! נאך דער רבי!

## הונגעריג נאך רבי'ן

ווען ער איז אויפגעשטאנען פון די שבעה אויף זיין מאמע ע"ה ווען יעדער איינער איז געגאנגען אנטון די שיך און זיך מסדר זיין א.א.וו. האט ער געזאגט פאר איינעם פון זיינע נאנטע משפחה מיטגלידער - ברענג מיר עפעס א ספר פון רבי'ן, וואס דו טרעפסט ברענג מיר, ס'איז שוין אריבער אסאך צייט וואס איך האב נישט געטארט לערנען אלס אן אבל, האט מען אים געברענגט א ספר און ער האט זיך באלד געזעצט לערנען.

## נישט זאגן קיין פירושים



אמונה איז געווען ביי אים א עקסטערע עבודה, זיך שטארקן און מחזק זיין די אמונה אז אלעס איז לטובה, דער באשפער איז בוודאי גוט, זיין פעסטע אמונה אין באשעפער און אין רבי'ן איז נישט געקומען פון זיך אליין, ער האט אסאך געבעטן און געהארעוועט עס צו איינבאקן אין הארץ. ווען עס איז געשען דער ביטערער אומגליק ל"ג בעומר אין מירון האט ער געזאגט א גאנצע נאכט שמות הצדיקים כדי ער זאל האבן די כח זיך צו שטארקן און שווייגן! בלייבן מיט די גאנצע אמונה און נישט זאגן פירושים א.ד.ג. און גלייך זיבן אזייגער אינדערפרי האט ער אנגעקלינגען צו איינעם פון זיין משפחה און אים געזאגט: "איך קלינג דיר גלייך אינדערפרי נאך פאר אלעמען כדי צו דיר דערמאנען אז דער עיקר וואס מען דארף אין אזא צייט איז צו ליידן און שווייגן, ווייל זיכער טוט ה' יתברך אלעס מיט

א חשבון און מיר קענען גארנישט פארשטיין, ס'איז הימלישע זאכן, און מען דארף זיך זייער היטן נישט צו זאגן פירושים און פשעטלעך דורך די בייעס א.ד.ג". נישט צו פלוידערן ווי אזוי דאס איז געשען בגשמיות, טעכניש, און פארוואס, און אויך ברוחניות וועלן ארייינלייגן דעם קאפ אין חשבונות שמים א.א.ו. נאר בלייבן בפשיטות מיט דעם אז ה' יתברך איז בוודאי גוט!

## אריינגעכאפט צו שווייגן

אין די לעצטע תקופה האט ער איינעם געזאגט אז ער קען נישט פונקט זאגן וויפיל ער האט אריינגעכאפט אין זיין לעבן, אבער אין איין זאך האט ער אסאך אריינגעכאפט, צו שווייגן און שווייגן און שווייגן... אזוי ווי ער האט זיך אויסגעדריקט "איך האב אריינגעכאפט אין שווייגן..."

ער פלעגט זייער פיל רעדן אז מען דארף האבן אסאך סבלנות, ווארטן מיט געדולד ביז מען איז זוכה צו זען די ישועה, ער פלעגט איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל דעם ענין פון תפילה מיט סבלנות, אז ער דאווענט און דאווענט אסאך און נאר דאס העלפט, ומחכים לישועת ה'.

זיין קרוב האט אמאל גערעדט מיט אים און אים דערציילט אז ער האט א שוועריגקייט אין א געוויסע זאך, האט ער אים געזאגט אז דאס איז נאר "ווייל דער רבי לעבט נישט ביי דיר"!

האט דער קרוב געפרעגט: "נו וואס קען איך טאן דערצו?" "דאוון אויף דעם!..." האט ער געענטפערט.

האט דער קרוב ווידער געפרעגט: "ווי קען איך דאווענען אויף דעם? איך ווייס נישט וועגן וואס מען רעדט, איך האב נישט קיין הרגשה אין דעם?" האט ער געענטפערט: "בכל אופן זאל ער אים גלייבן אז ס'לוינט אים צו מתפלל זיין אז דער רבי זאל לעבן ביי אים אפילו אן צו פארשטיין..."

א שטיק צייט ארום האט דער קרוב דערציילט אז ברוך ה' נאכן דאווענען א לענגערע צייט האט ער עפעס אנגעהויבן צו פארשטיין וועגן וואס ער רעדט, עפעס האט ער באקומען א געפיל אין די דיבורים פון רבי'ן. ר' חיים בנימין האט זיך זייער געפריידט צו הערן און געזאגט: "אין אנפאנג קען מען בכלל נישט מסביר זיין פאר א צווייטן וואס מיינט אז דער רבי לעבט ביי א מענטש, דעריבער האט ער אים נישט געקענט ערקלערן ווי אזוי און אויף וואס צו מתפלל זיין, נאר אין אנהויב מוז מען בעטן אן צו פארשטיין, מען דארף נאר האבן די אמונה אז ס'איז פארהאן אזא זאך, און דאס קען העלפן, אבער שפעטער ווען מען איז שוין זוכה צו באקומען עפעס א געפיל איז עס שוין א אנדער טעם איינגאנצן... יעצט ווייסט מען שוין טאקע אויף וואס צו בעטן".

## דער רבי דאוונט מיט

די לעצטע יאר ראש השנה איז ער געווען זייער שוואך ער האט געזאגט אז עס זעט אים נישט אויס אז ער וועט קענען צוגיין צו עמוד פאר תפלת שחרית אזוי ווי יעדן יאר, ער האט אפילו מברר געווען מצד די הלכה אויב מען מעג אין זיין מצב זיך אראפזעצן אינמיטן דאווענען, מוצאי ראש השנה האט ער דערציילט אז ווען ער האט אנגעהויבן צו דאווענען האט ער באקומען עקסטערע כוחות ער האט געפילט ווי דער הייליגער רבי העלפט אים דאווענען צוזאמען מיט אים.

## נאר דער רבי

ביי אים אין שטוב האט מען א גאנצן טאג געהערט דיבורים פון גרויסע כיסופים און בענקעניש צום רבי'ן, און דיבורים פונעם צדיק.

יעדע מאל וואס מען האט געדארפט ס'האט

זיך עפעס אויסגעפעלט אין שטוב, פלעגט ער זאגן, "פארוואס דארף מען מאכן דעם השתדלות און יענע השתדלות, ווען מען קען גלייך צוגיין צום רבונו של עולם, רעדן מיט אים און אים פארציילן אלעס וואס גייט פאר?"

ווען מען פלעגט צינדן די שבת ליכט ביי אים אין שטוב, פלעגט ער צומאל צוגיין און פרעגן: "האסטו אינזינען געהאט בשעת'ן צינדן די שבת ליכט אז דער אור פונעם רבי'ן זיך שיינען אויף די גאנצע וועלט?" ווי עס ווערט געברענגט אין שיש"ק אז אזוי האבן זיך אנ"ש געפירט בשעת'ן צינדן די שבת ליכט.

## דעם רבי'נס קינדער

עס איז באוואוסט געווען אז ער פלעגט ליידן פון גרויסע יסורים, און נאך מער אין די לעצטערע יארן. פאר צוויי יאר צוריק, ווען ער איז געווען ראש השנה אין אומאן, האט ער געליטן ביטערליכע יסורים און אלע חלקים פון זיין קערפער, עד כדי כך אז ער האט זיך שוין כמעט נישט געקענט רירן פון פלאץ. מען האט אים צוגעשטעלט א ספעציעלער צימער נאנט צום היכל בית המדרש. און טראץ זיין גרויס פיין און ווייטאג האט ער פרובירט ארויסצווייזן אינדרויסן אז אלעס איז גוט מיט אים, און מען דארף נאר דאנקן דעם אויבערשטן.

ווען מען האט אים געבעטנטן צו רעדן אפאר ווערטער פאר די חברה פון די קינדער, האט זיך געפאדערט ארויפצוגיין איין שטאק. דאס איז געווען פאר אים זייער א שווערע זאך. אבער וואס טוט מען נישט פאר די קינדער, מחזק צו זיין די ריינע נשמה'לעך.

ער איז ארויף די טרעפ, און ביי די ליידיגע פלאץ פון צווישן די טרעפ האט ער זיך אראפגעזעצט אויף א בענקל און זיך אפגערוט אפאר מינוט זיך אפצוכאפן פון די שווערע יסורים. דערנאך האט זיך ארויף נאך א אפאר טרעפ און האט זיך ווידער געזעצט. אזוי האט ער געטון ביז ער איז אנגעקומען אויבן, בלויז איין שטאק ארויפצוגיין. דאס האט ער אלעס געטון כדי צו קענען מחזק זיין די קינדער, און טון זיין שליחות זיי צו לערנען די הייליגע תורות פון רבי'ן.

## אהבת ישראל

ר' חיים בנימין האט געהאט צו יעדער איד באשר הוא א גרויס ליבשאפט. פרעמדע מענטשן וואס האבן נישט געהאט מיט אים קיין שום באקאנטשאפט, האבן דערציילט וויאזוי ער איז צוגעקומען צו זיי און זיך געוואלט צוזאמען מחזק זיין שיחת חברים, אפילו פאר מער ווי א שעה, וואס דערין האבן זיי זיך צוזאמען מחזק געווען און גערעדט פון עבודת השם.

א באזונדערן ליבשאפט האט ער געהאט צו אייניקלעך פונעם רבי'ן.

## עס איז גוט

אפאר טעג פארן הסתלקות האט ער זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי'ן. אזא נסיעה האט אים אפגעקאסט אסאך פיזישע ווייטאג ביז ער האט אפילו שוין מורא געהאט צו פארן צוליב דעם. און ווען ער האט שוין יא זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן האט ער זיך נישט צוטאן געמאכט פן זיינע יסורים, ווען ער האט אהיימגעקלינגען האט ער פארציילט פריילעכערהייט אז אלעס איז גוט און פיין, ברוך השם חסד השם, אז ער האט זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן... אן בכלל צו ארייננמישן א ווארט פון זיינע יסורים און שווערעקייט ביי יעדן טריט און טריט.

| | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | מ | ש | | ט | א | ר | ק | ח | ט | נ | א | ר | ז | ו | ב | ש |
| ל | ד | א | ר | פ | מ | צ | ק | ו | ק | ב | ב | ת | נ | ט | א | ר |
| מ | ח | י | ע | ו | י | ו | א | צ | ז | ג | א | י | ר | י | ו | נ |
| י | ג | ז | ו | נ | ז | נ | ע | ה | ת | א | ב | ס | פ | ר | י | מ |
| ט | ו | א | ל | פ | י | מ | פ | מ | ט | ר | א | ס | ע | ח | פ | ז |
| מ | ח | מ | מ | א | ב | ל | ע | ט | ל | כ | ו | ל | צ | א | ו | נ |
| ס | ו | ת | ו | ב | ב | ר | ו | א | ע | ל | ר | א | ד | נ | י | א |
| א | י | י | נ | ל | ד | נ | ב | ז | ג | ע | פ | ט | ד | י | ו | ד |
| ז | ת | ר | ל | ט | נ | ק | א | ו | י | ס | ט | י | ז | נ | נ | ל |
| ע | א | ה | כ | י | ת | ו | נ | י | ע | מ | ר | ח | י | ב | כ | ג |
| כ | י | ל | י | ז | ז | ר | א | פ | כ | ט | י | מ | מ | ר | ס | ק |
| ח | ר | ז | א | י | ט | ד | מ | י | א | כ | י | א | ג | צ | ט | מ |
| א | ש | ג | א | ע | נ | נ | ז | ל | ס | ו | פ | ט | י | מ | י | א |
| צ | י | פ | ו | צ | ו | ט | ד | ו | פ | צ | נ | ק | ז | פ | י | נ |
| ר | י | ו | ו | ק | ז | א | ל | ט | ר | י | ק | ז | א | א | י | ש |
| ז | כ | ו | י | א | ד | ב | ו | ע | י | ט | א | ה | נ | י | ל | ר |
| ו | ע | ת | מ | י | ט | ד | ס | ה | פ | ל | ת | ט | ז | פ | כ | ט |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן

**טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן סִפְרֵי רַבֵּינוּ וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְדִינְג.**

**נוּ זָאג אִיךְ הַיינְט אַז אֵייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים סֶע זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט אוּן מִיט רָצוֹן אוּן מִיט טִירְחָא.**

הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַ 'קְרוּמֶען־הַאלְז', הָאט גֶעזָאגְט צוּ די חֲכָמִים הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]): "עַל־כָּל־פָּנִים, זָאגְט מִיר, פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס 'קוֹל־יְלָלָה' וָואס מְ'הֶערְט דָארְט, פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל"?

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אוּן דוּ וֵוייסְט"? – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס יָא".

וָוארְן ס'אִיז פַארְהַאנְדְן 'צְוֵויי־פֵייגְל', אֵיינֶער אַן 'עֶר', אוּן אֵיינֶע אַ 'זִי' – אוּן די 'פֵייגְל' זֶענֶען נָאר אֵיין פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט – אִיז די 'זִי' פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן – זוּכְט 'עֶר' 'זִי', אוּן 'זִי' זוּכְט 'אִים' – הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לַאנְג גֶעזוּכְט, אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְעֶרְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן.

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן, אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעפִינֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט נֶעסְטְן.

דֶער 'עֶר' הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֶעסְט, לֶעבְּן [נֶעבְּן] אֵיין מְדִינָה פוּן די צְוֵויי־מְדִינוֹת – אוּן נִישְׁט רֶעכְט [פּוּנְקְט] נָאנְט, נָאר וֶועדְלִיג [לוֹיט] דָאס קוֹל פוּן דֶעם פוֹיגְל, הֵייסְט דָאס נָאנְט – וָוארְן פוּן דֶעם אָרְט ווּי 'עֶר' הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֶעסְט, קֶען מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט הֶערְן זַיין קוֹל אִין דֶער מְדִינָה.

אוּן אַזוֹי 'זִי' הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ נֶעסְט, לֶעבְּן [נֶעבְּן] דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה – (דְהַיְינוּ: אוֹיךְ אַזוֹי נִישְׁט רֶעכְט [פּוּנְקְט] נָאנְט, נָאר פוּן דָארְט קֶען מֶען שׁוֹין הֶערְן אִיר קוֹל דָארְט).

אוּן אַז ס'קוּמְט די נַאכְט, אַזוֹי הֵייבְּן אָן די 'פָּאר־פֵייגְל' צוּ קְלָאגְן – וָוארְן 'עֶר' קְלָאגְט אוֹיף 'אִיר', אוּן 'זִי' קְלָאגְט אוֹיף 'אִים' – קְלָאגְן זֵיי זֵייעֶר מִיט אַ גְרוֹיס 'קוֹל־יְלָלָה' – אוּן דָאס אִיז דָאס 'קוֹל־יְלָלָה', וָואס מְ'הֶערְט אִין די צְוֵויי מְדִינוֹת, וָואס מֵחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'קוֹל' מוּזְן זֵיי אַלֶע קְלָאגְן דָארְט, אוּן קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן – (אַזוֹי הָאט דֶער 'קְרוּמֶער־הַאלְז' זֵיי אַלְץ דֶערְצֵיילְט).

לוּשְׁמִיר [נָאר], זֵיי הָאבְּן אִים דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן – הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִינְפִירְן"? (דְהַיְינוּ: צוּ די פֵייגְל).

הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא, אִיךְ קֶען אַייךְ פִירְן אַהִין – לוּשְׁמִיר [נָאר] וִוי קֶענְט אִיר קוּמֶען אַהִין?

מַאדָאךְ דָא קֶענְט אִיר נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֵיין דָאס 'קוֹל־יְלָלָה', אוּן אִיר מוּזְט אַלֶע קְלָאגְן – אַז אִיר וֶועט אַהִינְקוּמֶען, וֶועט אִיר זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְשְׁטֵיין דָאס 'קוֹל־יְלָלָה'.

אוּן בַּייטָאג, קֶען מֶען דָארְט די 'שִׂמְחָה' נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֵיין – וָוארְן בַּייטָאג קוּמֶען זִיךְ דָארְט צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] 'פֵייגְל', צוּ אִיטְלֶעכְן בַּאזוּנְדֶער, דְהַיְינוּ: צוּ 'אִים', אוּן

צוּ 'אִיר' – אוּן זֵיי טְרֵייסְטְן זֵיי, אוּן מַאכְן זֵיי פְרֵיילֶעךְ, מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת – אוּן זֵיי רֶעדְן זֵיי אוֹיס, אוּן טְרֵייסְטְן זֵיי: "אִיר וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּזוּכְן [טְרֶעפְן], אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע" – אוּן זֵיי מַאכְן זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ – בִּיז בַּייטָאג קֶען מֶען דָארְט דִי 'שִׂמְחָה' נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֵיין.

אוּן דָאס 'קוֹל' פוּן דֶער 'שִׂמְחָה', הֶערְט מֶען נִישְׁט וַוייט, נָאר אַז מְ'קוּמְט אַהִין – אָבֶּער דָאס 'קוֹל־יְלָלָה', דָאס הֶערְט מֶען וַוייט – קֶענְט אִיר דֶערִיבֶּער אַהִין נִישְׁט קוּמֶען".

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "קֶענְסְטוּ דָאס פַארֶערְכְטְן"?

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, אִיךְ קֶען דָאס פַארֶערְכְטְן – וָוארְן אִיךְ קֶען נָאכְמַאכְן אַלֶע 'קוֹלוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט – אוּן וִוידֶער, אִיךְ קֶען וַוארְפְן 'קוֹלוֹת' – דְהַיְינוּ: אִיךְ קֶען וַוארְפְן אַ 'קוֹל' – וָואס דָא וִוי אִיךְ לָאז אַרוֹיס דָאס 'קוֹל', זָאל מֶען דָאס 'קוֹל' גָארְנִישְׁט הֶערְן – נָאר וַוייט, זָאל מֶען דָארְט דָאס 'קוֹל' הֶערְן.

דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ וַוארְפְן דָאס 'קוֹל', פוּן 'אִיר' צוּ 'אִים' – דְהַיְינוּ: דָאס 'קוֹל' וָואס אִיךְ וֶועל 'אִיר' נָאכְמַאכְן, זָאל אָנְקוּמֶען נָאנְט צוּ דֶעם אָרְט וואוּ 'עֶר' אִיז – אוּן אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוארְפְן 'זַיין' 'קוֹל', אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען נָאנְט צוּ 'אִיר' – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועל אִיךְ זֵיי צוּם אוֹיפְצִיעֶן [צוּנוֹיפְצִיעֶן], (בִּיז עֶר וֶועט זֵיי צוּם אוֹיפְבְּרֶענְגֶען [צוּנוֹיפְבְּרֶענְגֶען]).

לוּשְׁמִיר [נָאר] וֶוער וֶועט דָאס אִים גְלֵייבְּן? אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין אַ 'וַואלְד' אַרַיין – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט, אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער עֶפְנְט אוֹיף אַ 'טִיר', אוּן פַארְמַאכְט זִי וִוידֶער – אוּן טוּט אַ קְלַאפּ מִיט דֶער 'קְלַאמְקֶע' – אוּן שִׁיסְט אוֹיס מִיט אַ 'בִּיקְס' – אוּן שִׁיקְט נָאךְ דֶעם 'הִינְט' אַז עֶר זָאל כַאפְּן – אוּן דֶער 'הִינְט' הָאט גֶעגְרַאזְנְט [גֶעקְלַאפְּט אוּן זִיךְ גֶעקְרַאצְט־גֶעשְׁלֶעפְּט] אִין 'שְׁנֵיי'.

אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעהֶערְט – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזֶעהְן קַיין שוּם זַאךְ – אוּן פוּן אִים הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין שוּם 'קוֹל' – (נָאר עֶר, דְהַיְינוּ דֶער 'קְרוּמֶער־הַאלְז', הָאט עֶר עֶס גֶעוָוארְפְן אַזוֹינֶע קוֹלוֹת – הָאבְּן זֵיי זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעהְן, אַז עֶר קֶען נָאכְמַאכְן אַלֶע עֶרְלֵיי 'קוֹלוֹת', אוּן עֶר קֶען וַוארְפְן 'קוֹלוֹת').

(אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר דָא נִישְׁט דֶערְצֵיילְט – אוּן סְ'גֵייט דָא נָאךְ אָפּ).

"נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס], הָאבּ אִיךְ אַ 'הַסְכָּמָה' פוּן דֶער 'מְדִינָה', אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ 'וואוֹיל־קוֹל', אוּן אִיךְ קֶען נָאכְמַאכְן אַלֶע 'קוֹלוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק', אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ".

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה זֵייעֶר.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (10)

א. **וואס זאגט דער בעטלער פון וואס קומט דער קול וואס דורך דעם קלאגן די מדינות?**
- ❑ פון צוויי פייגל וואס זוכן זיך איינס דאס אנדערע
- ❑ פון א לייב וואס שרייט
- ❑ פון מענטשן וואס קלאגן

ב. **פארוואס קענען נישט די חכמים קומען צו די פייגל?**
- ❑ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ❑ ווייל ס'איז א סכנה'דיגע וועג
- ❑ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די קול יללה

ג. **און פארוואס קענען נישט די חכמים קומען דארט בייטאג?**
- ❑ ווייל נאנט הערט מען די קול יללה אויך בייטאג
- ❑ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ❑ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די שמחה וואס איז דא דארט בייטאג

ד. **וואו ווייט הערט מען די קול פון די שמחה בייטאג?**
- ❑ אזוי ווייט וואו די קול יללה פון ביינאכט
- ❑ ווייטער פון די קול יללה פון ביינאכט
- ❑ נאר אז מ'קומט אהין (ביי די פייגל)

ה. **צו וואו האט דער בעטלער געפירט די חכמים?**
- ❑ אין א וואלד אריין
- ❑ צו זיין שטוב
- ❑ צו א גארטן

ו. **פון וועלכע זאכן האבן זיי דארט געהערט א קול?**
- ❑ פון א פויק, א פידל, א טיר און א הונט
- ❑ פון א טיר-קלאמקע, א ביקס און א הונט
- ❑ פון א פויק, א פידל און א טיר-קלאמקע.

ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

וואו נאך דערציילט דער רבי אין ספורי מעשיות וועגן א ציפור ?

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך**

ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער וואס האט א קרומע האלדז?

ליל שבת ג' ניסן תק"ע (ימי מוהרנ"ת מ"ג)

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 9 איז**
**הילד החשוב זושא רוזנבערג, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## קליינע טריט

זיצְט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִין עֶס-צִימֶער אוּן קוּקְן מִיט וואוּנְדֶער אוֹיפְן קְלֵיינֶעם שְׁלֹמֶה'לֶע.

דֶער קְלֵיינֶער שְׁלֹמֹה קְרִיכְט שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיף דֶער עֶרְד, יֶעצְט אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס סְ'אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן אַלֵיין אוֹיף צְוֵויי פִּיס. אָבֶער עֶר אִיז בַּאלְד אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

שְׁלֹמֶה'לֶע אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, עֶר הֵייבְּט זִיךְ וִוידֶער אוּן פְּרוּבִּירְט גֵיין. עֶר הָאט נָאר גֶעפְּרוּאוְוט אוּן שׁוֹין וִוידֶער אִיז עֶר גֶעפַאלְן. עֶר ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק גֵיין ווִי אַלֶע קִינְדֶער אוּן ווִי גְרוֹיסֶע לַייט, עֶר ווִיל אוֹיךְ זַיין גְרוֹיס, עֶר ווִיל אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין צוּ קֶענֶען גֵיין גֶעשְׁווִינְד וואוּ נָאר זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט, אָבֶער יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הֵייבְּט זִיךְ, קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין מִיט זַיינֶע פִּיס אוּן שׁוֹין פַאלְט עֶר אַנִידֶער, וָואס טוּט מֶען? ווִי אַזוֹי קֶען אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ גֵיין אַלֵיין?

זַיין טַאטֶע שְׁטְרֶעקְט אִים אוֹיס דָאס הַאנְט אוּן כַאפְּט אָן דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע. שְׁלֹמֶה'לֶע שְׁטֵייט אוֹיף פְרֵיילִיךְ פוּן דֶער עֶרְד אוּן הֵייבְּט אָן בִּיסְלֶעכְוֵויז צוּ גֵיין, אֵיין טְרִיט אוּן נָאךְ אַ טְרִיט, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ גֵיין, אָט אָט פַאלְט עֶר אַרָאפּ, אָבֶער עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן שְׁטַארְק אִין זַיין טַאטְן אוּן עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע טְרִיט גֶעלוּנְגְט אִים גֵיין.

נָאךְ אַ טְרִיט, וִוידֶער אַ טְרִיט, עֶר קֶען שׁוֹין כִּמְעַט גֵיין ווִי אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ.

וֶוען נִישְׁט זַיין טַאטְנְ'ס הִילְף וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, אָבֶער יֶעצְט גֶעלוּנְגְט אִים מַמָּשׁ צוּ גֵיין. אַזוֹי פְּרוּבִּירְט עֶר גֵיין נָאךְ אוּן נָאךְ וֶוען עֶר לַאנְט זִיךְ אָן אִינֶעם טַאטְנְ'ס הַאנְט, אָדֶער אִין סַיי וֶועלְכְן גֶעגְנְשְׁטַאנְד בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ מַצְלִיחַ אַלֵיין צוּ גֵיין.



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דֶעם מָשָׁל דִי וֶועג צוּ וֶוערְן דֶערְהוֹיבְּן אוּם שַׁבָּת.

חֲזַ"ל לֶערְנֶען אוּנְז אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען מֶער דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאךְ מֶערֶער אוּן בֶּעסֶער ווִי מֶען דִינְט אִים אִין דִי וָואכְן טֶעג. שַׁבָּת קֶענֶען מִיר נִישְׁט רֶעדְן, גֵיין אַזוֹיווִי אִינְדֶערְוָואכְן: אִין וָואכְן טֶעג גֵייט מֶען גְרוֹיסֶע טְרִיט, מֶען יָאגְט, מֶען לוֹיפְט שְׁנֶעל, שַׁבָּת הָאבְּן מִיר דִי אוֹיפְגַאבֶּע זִיךְ צוּ הֵייבְן, מְרוֹמֵם זַיין אוּן גֵיין קְלֵיינֶע טְרִיט.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר ווִילְן אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דַארְף מִיר נָאךְ צוּקוּמֶען צוּ הִילְף, אַזוֹי ווִי דָאס קִינְד וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן גֵיין. וָואס אִיז טַאקֶע דִי הִילְף וָואס קֶען אוּנְז הֶעלְפְן גֵיין אוּן וֶוערְן בֶּעסֶערֶע עוֹבְדֵי ה'? לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי, אַז דִי הִילְף מִיר

המשך אויף זייט 7

הגליון נתנדב לע"נ דעם גרויסן הייליגן תלמיד פון הייליגן רבי'ן
**רבי נתן פון ברסלב בן רבי נפתלי הירץ זצ"ל**
זאל ער זיין פאר אונז א מליץ יושר אין דעם טאג עשרה בטבת זיין הייליגן הילולא, און פועל'ן פאר אונז א גאנצע ישועה